# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון הרב רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

### פרשת וישב

## אינטערעסיר זיך אין אנדערע!

מיר לערנען די וואך אין די פרשה וועגן יוסף הצדיק, אז ער איז געווען זייער באליבט ביי זיין טאטע'ן, יעקב אבינו, וואס האט אים געמאכט א ציידענע העמד. און דערנאך די חלומות, און די גאנצע מעשה וועגן מכירת יוסף, ווי ער איז פארקויפט געווארן אלטס א קנעכט, אראפ צו מצרים, און געארבעט פאר פוטיפר.

היינט לערנען מיר די געשיכטע און מיר ווייסן אז צום סוף וועט ער ווערן א משנה למלך אין מצרים און שפעטער וועט ער זיך טרעפן מיט יעקב און די שבטים, אבער ווען יוסף איז געווארן פארקויפט און גענומען געווארן קיין מצרים, און דערנאך האט פוטיפר אים אריינגעלייגט אין תפיסה, ווען דאס אלעס איז געשען האט יוסף נישט געוואוסט וואס די סוף וועט זיין. עס איז פאר אים געווען א גרויסע צרה. וועט ער נאך אמאל זוכה זיין צו זעהן זיין הייליגע טאטע? ווי אזוי וועט ער קענען אויסהאלטן אין דעם טמא'נע לאנד מצרים?

אין תפיסה איז יוסף געווארן א שר, א הויפט. ער איז געווען א הויפט איבער אלע וואס זענען געזעצן אין תפיסה. דערנאך זענען די שר המשקים און שר האופים אריין אין תפיסה, און איין צופרי האבן זיי אויסגעזעהן צוטראגן. אפילו ער איז געווען די הויפט, פארנומען מיט אסאך זאכן, האט ער זיך דאך אינטערעסירט אין זיי, און זיי געפרעגט וואס עס איז געשען, וואס באדערט זיי. אזוי שטייט אין פסוק, "וישאל את סריסי פרעה וכו' מדוע פניכם רעים היום" ער האט זיי געפרעגט "פארוואס זעהט עטס אויס אזוי צוטראגן?"

עס איז א דאך א מענטשליכע זאך צו טוען, ניין? עס איז אסאך מער פון דעם! יוסף האט געהאט זיין אייגענע צרות אויף זיין קאפ, נישט ווסנדיג וואס וועט זיין. אזוי לאנג האט ער נישט געזען זיין משפחה! א קנעכט-ער יוסף, דער באליבטסטע קינד פון אלע שבטים, א קנעכט פאר פוטיפר! און יעצט תפיסה! אבער די אלע צרות האבן אים נישט געשטערט פון זיך באזארגן פאר אנדערע-פרעמדע מענטשן!

און די תורה זאגט אונז אז טאקע צוליב דעם וואס ער האט זיך אינטערעסירט צו העלפן די אנדערע מענטשן איז ער אויסגעלייזט געווארן פון תפיסה. ווען נישט דעס אז ער האט זיך אינטערעסירט, און דערנאך אפגעטייטשט זייער חלומות, וואלטן זיי נישט געוואוסט אז ער קען אפטייטשן א חלום, און ער וואלט קיינמאל ארויסגעלאזט געווארן. נאר צוליב דעם וואס ער האט זיך באזארגט פאר זיי איז ער געראטעוועט געווארן.

די מעשה איז געשריבן געווארן אין די תורה אז מיר זאלן דאס גוט לערנען און אויסשפירן מיט אנדערע מענטשן! דער באשעפער וויל אז מיר זאלן גיין אין די וועגן פון יוסף הצדיק! זאלסט זיך אייביג ווסנדיג מאכן און זיך אינטערעסירן אין אן אנדערע, זאל זיין א ברודער, א שכן, א חבר.

אויב דו זעסט איינער וואס זעט אויס טרויעריג אדער פארווייטאגט, אינטערעסיר זיך! אפשר קענסטו אים העלפן? זיי נישט צו פארנומען מיט זיך אליין און די אייגענע פראבלעמען, נאר לערן זיך פון יוסף הצדיק, און העלף אנדערע. ווער ווייסט, אפשר צוליב דעם וועסטו זיך אויך אליין העלפן.

גוט שבת!



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור - פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860